בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

דברים
שנה ב'




## אהבת ישראל

### ברידערליכע ליבשאפט

**אין** ספר דברים טרעפן מיר אז עם ישראל דערנענטערט זיך צום סוף פונעם מדבר. ענדליך גייען זיי ארויס פון די פערציג יאר עפאכע פון **עם לבדד ישכון**, א פאלק וואס רוהט אליינס. יעצט וועלן זיי קומען אין קאנטאקט מיט די משפחת האדמה, וואס בשעת די פאר הונדערט יאר וואס די אידן זענען געווען אין מצרים און דערנאך אין מדבר - זענען זייערע פארלוירענע קרובים, די מואבים, עמונים, אדומים, און עמלקים אויסגעוואקסן אלס גרויסע משפחות, און דערנאך אין גרויסע פעלקער, און עם ישראל וועט זיך יעצט באגעגענען מיט זיי.

ס'איז זייער וויכטיג ארויסצוברענגען, אז זיך אנטרעפן מיט די פעלקער איז א גרויסע אחריות אז די קשר זאל זיין נאר לויטן רצון השם, דער אופן ווי אזוי מען האט זיי ליב, ווען מען האט ליב, וועמען מען טאר נישט סובל זיין און וועמען יא. אונזערע געפילן צו אדום דארף זיין אנדערש ווי די געפילן פאר עמון און מואב, און פאר כנען און עמלק איז דער ענין אינגאנצן אנדערש.

צו אונזער וואונדער טרעפן מיר אין די וואכעדיגע סדרה אז די תורה רופט די פארלוירענע פעלקער "ברידער". "אתם עברים בגבול **אחיכם** בני עשו" (דברים ב, ד), און עטליכע פסוקים שפעטער (ב, ד) לייענט מען: "ונעבור מאת **אחינו** בני עשו", מען וואלט געקענט מיינען אז דאס איז נאר א וועג פון זיך אויסדרוקן, אבער הקדוש ברוך הוא לאזט אונז וויסן אז ער מיינט דאס אויף למעשה. ער באפעלט אונז: "לא תתעב אדומי כי אחיך הוא", זאלסט נישט פאראומווערדיגן א אדומי'שער גוי, ווייל ער איז דיין ברודער. (ח, כג). זייט פארזיכטיג מיט אחיכם, אייערע ברידערס, "אל תתגרו בם", איר זאלט זיך נישט רייצן מיט זיי (ב, ה).

דאס ווארט "דיין ברידער" זעט אויס איבעריג אדער נישט ריכטיג, וואספארא שטארקע "ברידער" איז עשו געווען? יעקב אבינו איז געווען זייער צופרידן זיך אפצושאקלען פון זיין ברידער, און יעצט ווען עם ישראל איז איינגעשטאנען ביי די גרעניצן פון אדום איז שוין געווען אסאך יארן שפעטער נאכדעם וואס עשו האט זיך צושיידט פונעם פון עם ישראל. די אלע יארן וואס ס'איז פארביי האבן די צוויי משפחות נישט געהאט דאס מינדעסטע שייכות איינער מיטן צווייטן. פאר אזא ווייטער קרוב פאלט נישט איין אז מיר האבן עפעס שייכות, אדער אז מיר זענען בלוט-קרובים וואס מיר דארפן שפירן א צוגעבונדנקייט איינער פארן צווייטן.

דער אויבערשטער מאכט אבער זיכער ארויסצוברענגען אז די בני עשו זענען אונזערע ברידערס.

וואס מיר לערנען פון דעם איז אז השי"ת ערווארטעט פון עם ישראל אז זיי זאלן פארעמען זייער צוגאנג צו די אדומים דורכ'ן ארייַנברענגען אין זיך עמאציאלע געפילן.

"געדענק אז זיי זענען דיינע בלוט-ברידער" זאגט דער אויבערשטער. און דורכ'ן דאס טראכטן וועט איר קענען האבן די ריכטיגע צוגאנג אזויווי איך פארלאנג פון ענק. **לא תתעב אדומי**, איך וויל איר זאלט האבן א צוגאנג פון סבלנות צו די בני עשו, דורך געדענקען אז זיי זענען אייערע קרובים.

דאס איז דער סדר העולם, די **עסקימויס** שפירן א נאנטשאפט צו אלע **עקסקימויס**. און אלע וואס פאררופן זיך **מאקדאגאל**, שפירן א קשר איינער צום אנדערן ווייל זיי שטאמען אלע פון דעם זעלבן מענטש וואס האט געהייסן **דאגאל**, וועלכער האט געוואוינט ביים ברעג פון סקאטלאנד פאר פינף הונדערט יאר צוריק, וועגן דעם שפירן זיך די מענטשן ווי א ברודער איינער צום אנדערן.

## ואהבת לרעך כמוך

**דא** קומט אריין די מצוה פון ליב האבן איין איד צום צווייטן.

ווען דער גוי וואס איז געקומען צו הלל הזקן זיך אויסצולערנען די תורה אויף איין פוס, האט אים הלל געענטפערט: 'מאי דעלך סאני לחברך לא תעביד, זו כל התורה כולה, ואידך פירוש אזיל גמור', וואס עס שטערט פאר דיר, זאלסטו נישט טון פאר דיין חבר, ווייל די גאנצע תורה שטייט אויף דעם יסוד פון ליב האבן א צווייטן איד.

מענטשן קענען מיינען אז הלל האט געוואלט געווינען דעם גוי אלס א גר, האט ער אים געגעבן א גרינגע מצוה. אבער דער אמת איז אז הלל האט אויסגעוועלט די מצוה וואס איז דער יסוד אויף וואס עם ישראל שטייט, די וויכטיגסטע זאך וואס דער גר וועט דארפן טון אלס א איד, איז ליב צו האבן יעדעס איד. דאס איז אונזער וויכטיגסטע זאך אין אונזער לעבן.

## אהבת ישראל; מצוה דאורייתא

**מיר** רעדן דא פון עבודת השם, א מצוה דאורייתא, אוודאי וועלן מיר טון דערין אבער ווען מען וועט האבן צייט... אויב איינער וועט אייך פרעגן היינט נאכט: "וואס האסטו געלערנט ביי הרב מילער'ס שיעור?" וועט איר ענטפערן: "די מצוה פון ואהבת לרעך כמוך", וועט ער אייך אויסלאכן, "פאר דעם האט איר געדארפט זיצן ביי א שיעור? ווער ווייסט נישט פון די מצוה?"

אבער דער אמת איז, אז ווער טוט דאס אויף למעשה? אדער ווער מאכט צייט צו טראכטן פון דעם ענין? אויב ער שעצט איינעם - האט ער אים ליב, און אויב נישט טראכט ער זיך אז ער איז פטור פון די מצוה...

אבער דער אמת איז, אז ער איז נישט פטור פון ליב האבן יעדעס איד, אפגעזען פון זיין מדריגה. איר וועט דארפן ארבעטן אויף א פראגראם וואס רופט זיך "אהבת ישראל".

מען קען נישט רעדן פילאזאפישע ווערטער פון אהבת ישראל, נאר מען דארף טון פעולות אז ס'זאל אריינגיין אין אייער ווזען. אויב נישט - וועט אייך נישט העלפן די תשעה באב דרשות פון ליב האבן א איד, עס וועט אריינגיין אין איין אויער און ארויסגיין פון צווייטן אויער. איר מוזט ארבעטן אויף דעם למעשה.

אויב פאר די **אדומים** האט הקדוש ברוך הוא געהייסן נוצן געפילן פון ברידערליכקייט, וויפיל מער דארפן מיר ניצן געפילן פאר **ואהבת** צו יעדן איד - **'אחיך'** אין די תורה.

דאס איז די סיבה פארוואס דער אויבערשטער דערמאנט כסדר אין די תורה דאסווארט **אחיך**

ווען ער רעדט פון איין איד צום צווייטן.

אויב פאר די אדומים וואס מען איז געווען צופרידן צו פטור ווערן פון זיי, פארלאנגט דער אויבערשטער ברידערליכקייט, איז דאך אוודאי וויפיל מער דארף מען שפירן ברידערליכקייט צו די וואס זענען אויף די זעלבע דרך, און מען קען רעדן דברי תורה איינער צום אנדערן.

ווען מיר רעדן פון בני ישראל ווערט צוגעלייגט א גאנצע נייע באציאונג צו די נקודה פון **אחיך**, מער ווי סתם א פאלק. א איד איז א ברודער וואס איז **עמיתך**, ער איז ׳**עמך**׳ בתורה ובמצוות, חז״ל זאגן אונז אז אחיך מיינט א ברודער אין מצוות, ס׳איז נישט נאר א ברודער וואס שטאמט פון די זעלבע אור-עלטערן, נאר א ברודער מיט די זעלבע מח, א ברודער וואס לעבט פאר די זעלבע שאיפות. נישט קיין חילוק ווי אזוי דער איד דאווענט אדער ער גייט אנגעטון איז ער אייער ברודער.

אין אמת׳ן, ווען איך רעד צו ענק מיין איך זיך אליינס, און איך האף אז עפעס וועט זיך צוקלעבן צו מיר, אבער איך לאז ענק זיך צוהערן צוזאמען מיט מיר... מיר דארפן זיך לערנען די עבודה פון ליב האבן אונזערע ברודער׳ס דורך ארבעטן אויף א פראגראם. ווען איר גייט פארביי א הויז וואו עס וואוינען פרומע אידן, טראכטס: ׳דא וואוינען מיינע ברודערס און שוועסטערס און איך האב זיי ליב׳.

דאס זעלבע איז, ווען איר גייט פארביי ישיבות אדער בתי מדרשים, זייט׳ס מצמצם אייערע מחשבות מיט ליבשאפט אויף די ערליכע אידן וואס היטן תורה ומצוות.

ווען איר זעט א איד זאלט איר גלייך שפירן א צוגעבונדנקייט צו אים, ווייל ער איז דער אויסדערוועלטער פון הקדוש ברוך הוא.

האבן די מענטשן פון אדום אמאל געהיטן די תורה...? האבן די מענטשן פון עמון געטון מצוות...? נישט די מואבים און נישט די עמלקים האבן געלערנט די חומש ווי מיר אידן, דערפאר איז א איד וואס איז א שומר תורה ומצוות אייער ברודער, און איר מוזט ארבעטן אויף אייערע געפילן אים ליב צו האבן מיט אייער גאנצן כח.

ווי אימער איר גייט, האט איר א געלעגנהייט צו פראקטיצירן די מצוה, יעדעס מאל וואס איר זעט א איד זאל איר טראכטן: ׳ער איז מיין ברודער, דער איד, ער לייגט תפילין!׳ דאס איז גענוג פאר מיר, אפילו ער גייט נישט מיט די זעלבע הוט ווי מיר, איז ער פארט א איד. זאל ער גיין מיט א קאסקעט, קאפל, שווארצע הוט, נישט קיין חילוק... אזוי לאנג ווי ער דעקט צו זיין קאפ איז ער אן אונזעריגער. אויב איר וועט מצמצם זיין אייערע מחשבות אויף אזא אופן וועט איר שפירן א ווארעמקייט צו אים, ס׳איז נאכנישט די ריכטיגע אהבה, אבער איר זענט שוין אויפן וועג.

ס׳איז דא מענטשן וואס פרעדיגן אידיעלאגיע פון ליבשאפט, אבער זיי רעדן סתם דיבורים, אפילו מיט זייערע אייגענע טאטע און מאמע קענען זיי זיך נישט פארטראגן, ווען מיר רעדן פון אהבת ישראל מיינען מיר ערנסטע ביזנעס, ס׳איז נישט קיין גרינגע עבודה. עס קען זיך צומאל מאכן רייבערייען און קאנקורענצן צווישן מענטשן וואס זענען אינטערעסירט נאר אין זיך אליינס, אבער מען דארף זיך טרענירן צו טראכטן פון אנדערע מענטשן אויך, און אזוי צוקומען צו א מדרגה פון אים ליב האבן.

## איין איד אויפאמאל

**אמאל** אין א שמועס מיט איינע פון מיינע גרויסע רביים אין אייראפע האט ער מיר געזאגט אז דער ריכטיגער וועג צו ארבעטן אויף דעם ענין איז דורך ליב האבן איין איד! ׳תפסת מרובה לא תפסת׳, מען קען נישט פלוצלונג שפירן אן אהבה צו

א גאנצע ציבור אידן. דערפאר, הייב אן מיט איין איד אויפאמאל. אין אנהייב זאלט איר אויסקלייבן א מענטש וואס איז גרינגער אים צו ליב האבן, א פרומער איד, איינער וואס איז פריינטליך צו אייך, עס וועט זיין א קלענערע נסיון, און מאך אים פאר א ציל פונקט פאר אייער עבודה, הייבט אן אים ליב צו האבן. פארשטייט זיך אז איר מוזט אים נישט איינמעלדן וואס איר טוט, און וואס איר טראכט אויף אים; אפילו פאר אנדערע מענטשן דארפט איר נישט דערציילן וואס איר טוט, ווייל מען וועט אייך סתם פארדאמען אזוי ווי עס פאסירט ווען א מענטש וויל שטייגן אין עבודת השם.

נעם איין זאך פון אים וואס געפעלט אייך, אפילו דאס איז עפעס אין זיין חיצוניות און האב אים ליב פאר דעם.

יארן צוריק ווען איך האב געלערנט אין סלאבאדקע בין איך אייגעשטאנען ביי א פשוט׳ער איד, א בוטשער. איך האב געמאכט מיין ביזנעס אים ליב צו האבן. יעדן טאג האב איך שפאצירט אין וואלד טראכטנ׳דיג ווי אזוי איך קען ליב האבן דעם מענטש, זיינע קינדער און יעדער אין די משפחה. און ווען איך האב ארייגעשפאנט אין הויז האב איך געזאגט ווערטער וואס האט זיי געמאכט שפירן גוט. איך האב געטון וואס איך האב געקענט זיי צו העלפן, איך האב געדאווענט פאר זיי יעדן טאג. דאס איז געווען אין די אמאליגע גוטע צייטן ווען איך האב געהאט שייכות צו מוסר; איך האב געארבעט מיט מיין גאנצע ווען אויף די מצוה פון אהבת ישראל!

## דער סוד פון אהבת ישראל

**מיר** דארפן פארשטיין פארוואס די מצוה איז אזוי וויכטיג. מיר שפירן אן אהבה צו יעדן איד ווייל מיר מאכן נאך דעם אויבערשטן וועלכער איז אן אוהב עמו ישראל. דער אויבערשטער האט ליב אייער שכן, בעל הבית און אויך דער נודניק וואס נערווירט אייך... ער האט ליב יעדן שומר תורה ומצוות, אשכנזים, ספרדים צוגלייך, נישט קיין חילוק צו וועלכע קרייז אדער שטיבל זיי געהערן. און דער אויבערשטער ערווארט פון אונז צו גיין אין זיינע וועגן, **והלכת בדרכיו**. האב ליב זיינע מענטשן אזוי ווי ער.

וועט איר זאגן: "יא זיכער איך האב ליב אלע אידן, אבער דער איד וואס איז א ספרדי, תימני, ער דאווענט נישט מיין נוסח, ער איז א פוילישער, רוסישער, אים קען איך נישט ליב האבן. זאלט איר וויסן אז אויב איז ער מזרע יעקב דאן איז ער אן אייעריגער.

ס׳איז נישט דא קיין זאך אין דער וועלט וואס דער אויבערשטער האט ליב מער ווי די זרע פון אברהם יצחק ויעקב. דער אויבערשטער האט אייך זייער ליב נישט קיין חילוק וואס און ווער איר זענט, ס׳קען זיין דאס מערסטע טיפש, שלימזל, נארישע מיאוס׳ע מענטש, און דער אויבערשטער וועט שפירן צו אים א טיפע איינגעווארצלטע ליבשאפט. ווי שלמה המלך זאגט אונז אין שיר השירים, ארויסברענגענדיג די טיפע שטארקע ליבשאפט וואס קיין שום זאך קען דאס נישט צושטערן: "מים רבים לא יוכלו לכבות האהבה ונהרות לא ישטפוה". מיר זענען נישט אומשטאנד צו מעסטן די ווארעמקייט פון ליבשאפט ווי אזוי דער אויבערשטער האט ליב יעדן איד. די גאנצע וועלט איז גאנישט קעגן איין פרומער איד.

ווי מער איר האט ליב א איד און ווי מער אידן איר האט ליב, גייט איר מער נאך אין די וועגן פונעם אויבערשטן. און דאס איז בלויז אמונה. ס׳איז דער צווייטער יסוד אין די תורה, נאכן יסוד אז דער אויבערשטער איז דער בורא איז אז ער איז דער אוהב עמו ישראל.

## ווער זענען די צדיקים?

"**עיני** השם אל הצדיקים", דער אויבערשטער קוקט אויף די צדיקים מיט ליבשאפט, אפילו אויב דער צדיק האט אויך עפעס א פעלער, "אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא", עס איז נישטא קיין צדיק וואס האט נישט קיין שום פעלער. אבער מיט דעם אלעם שטייט "השם אוהב צדיקים", דער אויבערשטער האט ליב די צדיקים. יעצט איז אונזער ארבעט אויפצוזוכן די צדיקים וואס דער אויבערשטער האט אזוי ליב. יעדער מענטש וועט טרעפן זיין רבי אדער ראש ישיבה און טייטלען אז דער איז דער גרויסער צדיק, איך בין זיכער אז זיי זענען גערעכט אבער דאס איז נישט אלעס...

א צדיק איז דער וואס היט די תורה, נישט קיין חילוק וואו ער וואוינט און ווער ער איז, ער איז דעם אויבערשטנ'ס געליבטער. עס שטייט נישט השם אוהב חסידים. א חסיד איז נאר איינער וואס טוט לפנים משורת הדין ווי עס שטייט אין חז"ל: 'איזהו חסיד המתחסד עם קונו'. דאס איז א שיינע מדריגה, אבער א צדיק איז דער וואס היט די תורה.

## ליב האבן די נאנטע משפחה

**דער** אויבערשטער האט אריינגעלייגט א געפיל אין עלטערן צו האבן א ספעציעלע קשר מיט די אייגענע קינדער. נוצט אויס די געלעגנהייט, זייט מחזק דעם ליבשאפט מער און מער ביז עס וועט זיין א שטארקע קשר צווישן אייך און אייערע קידער.

## יעדער מענטש - פול מיט מידות און אייגנשאפטן

**מיין** רבי האט זיך אמאל אויסגעדריקט, אז א מענטש איז נישט איין זאך, נאר א הויפן מיט זאכן, איך געדענק עס נאך ווי היינט וואס ער האט געזאגט אז א מענטש איז נישט נאר איין מידה, נאר א צוזאמענשטעל פון אסאך מידות. אויב איין זאך פון אים געפעלט אייך נישט, קענט איר אים נאך אלץ ליב האבן פאר די אנדערע גוטע אייגנשאפטן וואס ער פארמאגט.

דאס זעלבע איז לשבח אנדערע מענטשן. איר קענט אין יעדן איינעם טרעפן לכל הפחות איין גוטע זאך פארוואס איר זאלט אים ליב האבן, ביי אונז אין שול דאווענט א איד וואס איך האב אים ליב פאר דער אופן ווי אזוי ער דאווענט שמונה עשרה. א צווייטער לערנט מיט התמדה, ווען ער קומט אין שול פארברענגט ער נישט קיין איבעריגע מינוט, ער עפנט אויף דעם ספר און ער שווימט תיכף אריין אין די סוגיא. ער ווייסט נישט אז איך קוק אים נאך יעדן טאג, אבער איך שפיר אן אמת'ע אהבה צו אים.

איינעם האב איך ליב ווייל ער געבט צדקה מיט א ברייטע האנט, און א צווייטער איז איידל און געלאסן. זוכט אין יעדן איד זיין גוטע נקודה און איר וועט דאס טרעפן. אפילו אין די פשוט'ע מענטשן קען מען טרעפן הערליכע מידות אין וואס זיך קאנצענטרירן.

איר וועט טרעפן דעם מענטש וואס מען קען זיך נישט דורכקומען מיט אים, ער פירט כסדר וויכוחים מיט דעם מענטש וואס זיצט אויף זיין רעכטע זייט און דערנאך דרייט ער זיך אויס זיך אפצורעכענען מיט דער וואס זיצט אויף זיין לינקע זייט... איר ווילט שטיין ווייט פון אים. אבער אויב איר וועט נעמען די מיה עטליכע מינוט צו טרעפן זיין גוטס וועט איר דאס דערגרייכן. איר וועט אים דן זיין לכף זכות אז עס איז אים נישט גרינג מיט פרנסה, ער ארבעט שווער פאר שכר לימוד, חתונה מאכן די קינדער וכדו'.

און ווען איר וועט כאפן מיט אים א שמועס פריוואט וועט איר אנטדעקן אן אוצר אין אים. איך האב אמאל גערעדט מיט אזא איינעם און איך בין געווארן אנטציקט פון זיין פנימיות. ער

איז געקומען פון א שטוב וואו ס׳איז נישט געווען קיין אידישקייט. ער האט אליינס געהיטן תורה ומצוות קעגן די רצון פון זיינע עלטערן. ער איז געווען א העלד. איך בין געקומען צו די הכרה אים צו רעספעקטירן, איינזעענדיג וואספארא גרויסע טעות איך האב געמאכט אז איך האב אים נישט גענוג געשעצט. ס׳איז אמת אז ער איז געווען א שווערע מענטש אבער ווען מען האט אריינגעקוקט אין זיין פנימיות האט מען גרינג געקענט צוקומען צו אן אהבה. נאר דערפאר וואס ער האט א שווערע נאטור קומט זיך אים נישט אז מען זאל אים ליב האבן...? דאס איז דער נאטור וואס דער אויבערשטער האט אים באשאפן, ס׳איז נישט אייערע געשעפטן פארוואס און פארוואן, אייער ארבעט איז נאר צו טרעפן זיין גוטס אין אים.

## אהבת ישראל פאר זיך אליין.

**ווען** איר ארבעט אויף די מצוה פון אהבת ישראל האט איר געארבעט אויף זיך אליינס אויסצובעסערן אייערע מידות. די גרעסטע סוקסעס פון לעבן איז נישט וואס מען טוט פאר אנדערע, נאר וואס מען טוט פאר זיך אליינס אויסצוגלאנצן די נשמה. ווי מער איר זענט אן אוהב ישראל זענט איר מער צוגעבינדן צו הקדוש ברוך הוא וואס האט א ספעציעלע אהבה צו עם ישראל.

׳אין הקדוש ברוך הוא אוהב אלא מי שאוהב ישראל׳, דער אויבערשטער האט ליב נאר איינער וואס האט ליב אנדערע אידן. (מסילת ישרים פרק יט) צוליב די אהבה וואס השי״ת האט צו עם ישראל ווען איר וועט גיין אין זיינע וועגן וועט איר זוכה זיין צו שכר אין עולם הבא לעולם ועד.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן
אייער **הכרת הטוב** פאר השי״ת
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין**
**און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן**
**אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

צו מנדב זיין ״תורת אביגדור״ רופט: 845-213-7571
פאר וויליאמסבורג רופט: 929-236-6802

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**




**צו באשטעלן ביי אונז**
**קונטרסים גליונות פאר:**
שבת באווארפן שבת שבע ברכות,
שבת התוועדות, אא״וו.

מיט די
- תפילות
- קריאת התורה
- זמירות
- ברהמ״ז

לויט אייער פארלאנג!

פארבינדט אייך מיט אונז
ווי פריער אין וואך
**615.680.9029**
gilyonosshabbos@gmail.com

***ליינט די גליון יעדע***
***וואך אין די קונטרס***
***"גליונות לשב"ק",***



# שאלות ותשובות
## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:

די גמרא זאגט אז רבי צדוק האט געפאסט פערציג יאר פאר'ן חורב'ן בית המקדש אז די חורבן זאל נישט צושטאנד קומען. איז דאס נישט געקומען פון מרא שחורה אדער דיפרעסיע?

## תשובה:

**איך** בין נישט געווען דארט אבער איך קען אייך גאראנטירן אז נישט! איך גלייב אז ער איז געווען מער פרייליך ווי אונז מיט אונזערע ברייטע פרישטאאגס און מיטאגס, ווייל ס'איז נישט די עסן וואס מאכט אונז פרייליך נאר איזהו עשיר השמח בחלקו, ס'איז אין די מח וואס מאכט א מענטש פרייליך. דער צדיק, ווען ער האט געגעסן ביינאכט האט ער געשעצט די עסן. מיינט נישט אז רבי צדוק האט זיך אראפגעזעצט און געקרימט מיט די נאז: "פוי, ניין!" ער האט געגעסן מיט אפעטיט און געדאנקט דעם אויבערשטן פאר דעם. ער איז נישט געווען מרה שחורה'דיג בכלל.

**מוצאי** תשעה באב איז א גוטע געלעגנהייט זיך צו לערנען ווי אזוי צו שעצן די מתנה פון עסן. ווען איר זעצט זיך אוועק צו עסן אייער ברויט און וואסער זאלט איר הנאה האבן דערפון ביז צום סוף ווייל די סיבה פארוואס מען פאסט איז נישט צו פאסטן נאר אונז צו לאזן וויסן אז הקדוש ברוך הוא איז דער וואס איז גומל חסדים טובים און דערפאר דארפ'ן מיר פאסטן אז מיר זאלן הנאה האבן פון די עסן מוצאי תשעה האב. דאס איז איינע פון די תוצעות פון א תענית ציבור!

### נדבת השבוע

נתנדב לעי"נ שמואל מאיר בן בנימין ע"ה
ולעי"נ ריזל בת ישעיהו הלוי ע"ה

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה

מהדורת אחת שאלתי
כל הזכיות שמורות
בעריכה מיוחדת לקונטרס "גליונות לש"ק"